מיט בלוט רופט דער מזרח, דער מערב — מיט אײַטער.
עס שרײַען די פלעצער אין פאַרשטעט — אויף שײַטערס.

ווי מגילות פון בלוט וויקלען שׂרפות זיך אויף
און אַ יעטווידער פלאַם איז אַ דראָענדער רוף.

אַ געשריי פון דער גיר, אַ געשריי פונעם רויב:
— אויף דער וואָג איז דאָס לײַב ווי אין יאַטקע דאָס דרויב!

און שײַטערס פון פאָנעך, און פאָנען פון בלוט —
עס הוליעט אויף לײַב און אויף לעבן די רוט!

איז באַגינען אין בלוט דאָרטן גאַסן און שטעט,
און עס קומט ניט צום גיריקן רויבשווערד קיין זעט.

ערגעץ קוימענס ווי גאָרגלען מיט רויך שרײַען אויס
די באַצוווּנגענע לעבנס פון קליין און פון גרויס.

ערגעץ דינגען זיך גריבער — אַ מײַל אין דער ערד:
— בלוט קעגן גאָלד און — געמאַכט! און ס'איז רעכט!

און געגלײַכט. און די הויט פון די לײַבער זיך רײַסט,
און עס טראָגן די כוואַליעס אויף בירזשעס די פרײַז.

די פרײַז פון דער גרויזאַם צעשונדענער הויט,
פון לעבן אין קייטן, פון שטאַרבן אין נויט.

די פרײַז פון די קינדער אין מוטערשער טראַכט
און פון מוטערס פאַרזאָרגטע די פרײַז אויף בײַ נאַכט...

און מיט פריר אויף די לײַבער — צו פײַער געווענדט —
גייען פעלקער געבויגן, געבונדן די הענט.

גייען פעלקער געבונדן אין קייטן פון נויט
מיט פרײַזן געקריצט און געברענט אויף דער הויט...

## 17

פֿון שײַטער פֿון רונדן — געבונדן אין ווײ,
רײַסן אויגן זיך אויף ווי לבנות ווי צווײ.

לבנות פֿאַרשטאַרטע, ווי אייער געשיילטע,
און ס׳בראָט זיך דאָס לײַב און דאָס בלוט איז ווי אייל.

מ׳האָט ערגעץ אויף פּלעצער אַ יום־טוב געמאַכט,
איז האָט מען אַ נעגער צום לינטשן געבראַכט.

עס בייגן און ס׳קאָרטשען זיך ביינער בײַ אים
און ס׳גייט זײַן געשריי מיטן פֿײַער צום הימל.

איז בלאַנקען נאָר ציינער ווי מעסערס אין מויל,
נאָר הויך איז די זון און ווײַט איז דער מולד.

די הויט איז פֿאַרברוינט און די אויגן פֿאַרבלײַט
און ער בײַסט זיך פֿון ווייטיק דאָס אייגענע לײַב.

עס לויפֿט דאָרט זײַן מאַמע מיט שעלטנדיק טראָט:
— אַ דונער זאָל טרעפֿן, אַ דונער פֿון גאָט!

נאָר ס׳פֿליִען אַנטקעגן איר פֿונקען פֿון שײַטער.
ס׳דאַכט זיך: אָט רופֿט ער, ס׳דאַכט זיך: אָט שרײַט ער.

נאָך גרעסער די אויגן אין לעצטן געוויין,
נאָך ווײַסער די ווײַסלעך, נאָך רויטער די וויִעס.

און ער גיט זיך אַ וואָרף מיט די ציינער צום שײַטער
און צעקריצט און צעקײַעט אַ ברענענדיק שײַטל.

נאָך איין מאָל אַ שטעל זיך, נאָך איין מאָל אַ פּרווו —
און פֿאַלט אַ פֿאַרברענטער, און מער שוין ניט אויף.

און ווען ס׳ווערט פֿון די אויגן — צעגליטער זשאַר,
פֿאַררויכערט זיך עמעץ בײַ זיי אַ סיגאַר.

## 36

מע גייט זיי אַנטקעגן פֿון גאָר פֿון דער וועלט
און זון ביז די קני, און זון איבער שוועל.

מע גייט זיי אַנטקעגן מיט ליכטיקן גאַנג —
און זון ביז די קני, און ביז האַרץ און געזאַנג.

און מחנות נאָך מחנות אין פֿרייד קומען אָן.
מע הערט ניט קיין פֿאָך און קיין פֿלאַטער פֿון פֿאָן.

ס׳איז פּנימער העלע, ווי פֿאָנען קאַיאָר,
און אַלץ איז פֿאַרשטענדלעך און זוניק און קלאָר.

און ווינט צום באַדינען, און ווינט צום באַפֿעל,
און קיינעם געמיטן, און קיינעם געפֿעלט!

אַ טאָג ווי אַ קאַוון צעשניטן אויף העלפֿט —
און ס׳שטראָמט פֿון אים זאַפֿט, און ס׳שטראָמט פֿון אים העל.

און זונענזאַפֿט גיסט זיך, און זונענזאַפֿט קוועלט,
און ס׳ווילט אויף די הענט איצט זיך נעמען די וועלט.

פּאַמעלעך זי נעמען, צוזאַמען, אין איינעם.
— אָט דאָרט איז אַ ווּנד נאָך, אָט דאָ טוט נאָך וויי...

אָט דאָ ניט פֿאַרהיילט נאָך, אָט דאָרט נאָך אַ שראַם,
און ערגעץ נאָך טריפֿנדיק ווּנדפֿלייש פֿאַראַן.

אַז באָרוועס איז זי נאָך, אויף גלאָז נאָך איך טראָט,
און ס׳שטעכט זי דער קראַנץ נאָך פֿון דערנערדיק דראָט.

און ווּ ס׳איז פֿאַרוואָרלאָזט, און ווּ ס׳איז פֿאַרברענט —
דאָך ווילט זי זיך נעמען אַזוי אויף די הענט.

פּאַמעלעך זי נעמען, פּאַמעלעך, אין איינעם —
אָט דאָ איז אַ ווּנד נאָך, אָט דאָ טוט נאָך וויי...

37

אַז באָרוועס איז וועלט נאָך, און נאַקעט און הויל —
איז באָרוועס, איז לאַפּטיעס, און גוט איז און ווויל.

נאָר ס׳האָבן וואַרשטאַטן און דערפֿער און שטעט
אַ האַרץ איר פֿאַר יעדן און אַלע באַשטעלט.

און יעדער פֿון לייַב און פֿון בלוט — ניט געזאַמט,
און האָרנס פֿון שמידער אויף רעדער פֿון זאַמד.

עס גייען די בערג און עס אייַלן זיך טאָלן:
מיט וואָס וועט מען דינען און וואָס וועט מען טאָן?

עפֿענען בערג זיך ווי ריזיקע נים:
יאָדערדיק אייַזן ווי ברויט און — געניסט!

פֿון ראַנד ביז צו ראַנד און מיט ברויטברייטער האַנט
צעשפּרייטן זיך טאָלן געברויטיקטער לאַנד.

עס גייט און ס׳באַהעפֿט זיך דער באַרג מיטן טאָל
און ס׳שנייַדן זיך בלעטער פֿון אייַזן און שטאָל.

מע קלאַפּט און מע האַמערט, מע שמידט און מע האַפֿט —
אין שאַכטעס פֿון קוילן, אין קוואַלן פֿון נאַפֿט.

ס׳באַווייַזט ניט די נאַכט זיך אַ דריי טאָן — שוין טאָגט,
און יעדערער וואַך איז און יעדערער טראָגט.

מע האַמערט אַ האַרץ איר פֿון שטאָל און טשוהון
צופֿוסנם — די ימען, צוקאָפּנם — די זון.

איז וועט זי אַן אָטעם טאָן פֿריידיק און פֿרייַ
מיט שטאָלענע לונגען — אַרויס און אַרייַן.

און וועט זי אַ גיי טאָן אַ שטאַלטנע אַליין —
נאָר איצט איז נאָך ווונדיק, נאָר איצט איז נאָך וויי...